# תשורה

משמחת הנישואין של

## משה אהרן וחי' שיחיו
## ניומאן

כ"ה סיון ה'תשפ"ד

ב"ה.

# פתח דבר

לזכרון טוב, יום כלולת צאצאינו החתן הרב התמים **משה אהרן** שי' עם ב"ג הכלה מ' **חי'** תי', הננו בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק – מיוסד על ההנהגה בעת שמחת הנישואין של כ"ק אדמו"ר שליט"א – בתשורה המוסגרת בזה.

*

התשורה כוללת:

**א) שער שיחות קודש** – ראשי פרקים מהתועדות יום שמח"ת תשכ"ב, ותוכן קצר מהתועדות ש"פ שלח תש"ל. יש לציין שהנחות אלו כוללות פרטים נוספים שלא באו בדפוס עד עתה.

**ב) יחידות** סב הכלה הרב **יהודה ליב** שי' **וואלאוויק.**

**ג) מכתבים מבית חיינו** – מכתבים הכוללים תיאורים חיים מהנעשה בבית חיינו, בקייץ תשמ"ז – חורף תשמ"ח, בתקופת שליחותו של אבי הכלה שי' בישיבה גדולה סידני אוסטרלי'.

יצויין שרוב החומר בתשורה זו מתפרסם בזה **לראשונה.**

*

ויהי רצון, שתיכף ומיד "ישמע . . קול ששון וקול שמחה" האמתי, כאשר "נזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן", בהתגלות כ"ק אדמו"ר שליט"א מלך המשיח, תיכף ומיד ממש!

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

**משפחת ניומאן**      **משפחת וואלאוויק**

כ"ה סיון, ה'תשפ"ד

ברוקלין, נ.י.

# התשורה שחולקה בעת חתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א



בעזה"י

שלום וברכה

לזכרון טוב, ליום כלולת בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם בחיר לבה החתן הרב ר' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל המשתתפים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב בכתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר, אבינו הראשון, רבנו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע אשר סגולה יהי' לכל אלו דגילים לנפשם ועד בשר. בתוככי ידידנו אנ"ש, ד' עליהם יחיו, וכל מחזיקי תורה יחיו.

בשמחה וברכה
יוסף יצחק

ישיבה "תומכי-תמימים ליובאוויטש"
ג' י"ד כסלו תרפ"ט. ווארשא.

פרשת גבורת קדש זה הוא, כי תיחס בין החסידים ומתנגדיהם בעת ההיא הי' בתגבר בזה. אשר באתה האספה של אנ"ש [illegible] קהלות [illegible] תורה וצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מתנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי [illegible] אנ"ש שבראשם עמד [illegible] החסיד ר' מאיר בר' רפאל נ"ע אשר [illegible] (תרנ"א - [illegible]) [illegible] והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאספה ההיא [illegible] החסיד [illegible] נ"ע בידם של הצעירים [illegible] בדברים [illegible] הנגישות שסבלו. [illegible] החסיד [illegible] נ"ע

באותו מעמד [illegible] רבנו הגדול אליהם [illegible]. ואמר, הצדק אתכם. [illegible] על הלב. וזאת היא עבודת אנ"ש [illegible] ישראל [illegible] ד' אשר [illegible]

ובחדש [illegible] רבנו הגדול [illegible] זה להחסיד ר' [illegible] נ"ע



המכתב הזה והנכתב (בלה"ק) מעבר לדף, הוא תמונת הדרת קדש. גוף כתב יד קדשו של הוד כ"ק אאזמו"ר. ארמו"ר אבינו הראשון. רבינו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.



# כתב יד קודש

ב"ה.

## פתח דבר

### – להוצאה החדשה –

באשר ההוצאה הראשונה של הקונטרס "לקט בעניני סדר השתלשלות" אזל מן השוק, ועי"פ בקשת רבים - הננו מוציאים לאור בזה הוצאה שני'.

בהוצאה זו נתקנו כמה מטעויות הדפוס שנפלו בהוצאה הראשונה. וניתוספו בהוצאה זו (גם) "ערכים" חדשים בפרטי סדר השתלשלות כפי שנתבארו בתורת רבותינו נשיאנו (והושלמו כמה פרטים בערכים שכבר באו בהוצאה הראשונה).

* * *

ויה"ר — והוא העיקר — שהלימוד בעניני פנימיות התורה (כפי שהם מוארים בתורת החסידות), ימהר ויקרב עוד יותר ביאת משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

"הוצאת ספרים קה"ת"

(כה סיון) ה'תנש"א.
ה'י תהא שנת אראנו נפלאות,
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין נ.י.

**כה סיון**

# שער שיחות קודש

**ב"ה. ראשי פרקים מהתועדות יום שמח"ת תשכ"ב**

הנחה פרטית בלתי מוגה

בהשיחה הראשונה דיבר ע"ד ענין השמחה, ב) השינה. אח"כ דיבר ע"ד פתגם אדמו"ר מהורש"ב ע"ד הפסוק וירא ראשית לו אז שמח"ת שאט ניט, ולכאורה אינו מובן, מכיון שהי' בז' באדר. אלא צ"ל שאז הי' השמח"ת שלו, וביאר הגמ' בברכות דמי שמפסיק מק"ש במבואות המטונפות עליו הכתוב אומר ובדבר הזה תאריכו ימים, ולכאו' א"מ מהו שייכות הפסוק הזה לענין הפסקה לק"ש בהגיעו למבואות המטונפות, והביא הירושלמי על הכתוב כי לא דבר ריק הוא "מכם", וביאר דכמו שיש מעלה בחיוב הדיבור כמו"כ יש מעלה בשלילת הדבור, כמו הפסקה לק"ש כנ"ל.

ובזה יובן ג"כ ענין הקריאה של היום דשמח"ת, דלכאורה אינו מובן למה קורין בפ' בראשית, דהניחא מה שקורין פרשה הראשונה, עד יום הראשון, שזהו כמבואר בהרשות לחתן בראשית להורות שאין מפסיקין ומתחילין מיד עוה"פ, אבל למה קורין כל ששת ימי בראשית ואפילו ויכולו. וביותר אינו מובן, דהא בפרשה הראשונה בבריאת שמים וארץ זהו ענין האחדות, משא"כ בבריאת יום שני וכו'. אלא ביאור הענין, שמראין לכאו"א עבודתו ותפקידו בעולם שעולם מצ"ע ה"ה כמו בבריאת יום הראשון, רק שנראה לו כו' כמו שאר הימים...

אדמו"ר מהר"ש הי' נוהג בבעל שם'סקע הנהגות, ואפי' קודם נשיאותו, כידוע שאדמו"ר הצ"צ העמיס עליו כמה שליחות וכו', ופעם בא קבלן אחד ומסר לאדמו"ר הצ"צ מתנה "שליסען", ואמר לו הצ"צ שימסרנו לבנו לאדמו"ר מהר"ש. ודיבר ע"ד יהודי רוסיה שהשי"ת יעזרם שיצאו בקרוב מן המיצר אל המרחב, ואין נפק"מ אי בדרך השלום או להיפך, וכפתגם כ"ק מו"ח אין די בעל הבית'ישקייט מישט ער זיך ניט. והאריך בדבר זה, וצוה לנגן הניגון הושיעה את עמך, ועמד ממקומו ורקד, ודיבר שההתחלה לזה הי' מה שיהודי רוסיא נמצאים בכפר חב"ד, ודיבר ע"ד כפר חב"ד...

אמר מאמר ד"ה ביום השמיני עצרת.

אמר, שאלו שמבקשים ברכות פרטיות יגיעו משקה.

בעת דברו ע"ד יהודי רוסיא בכה הרבה... ודיבר במעלת אה"ק, שהוא נקרא אפי' בשם כל הגוים "האלי לענד" ולא כמו "יונייטעד סטייסט" און "סאוויעט רוסיא"...

בתור השתתפות להכינוס תורה. לכאורה אינו מובן מהו הענין שבכל ר"ה אומרים

עוה"פ הברכה בשם ומלכות דמלכיות, כיון דמבואר בגמ' ובפוסקים וברמב"ם דאין מושחין מלך בן מלך וכש"ב במלך עצמו ב' פעמים. ואין לתרץ דבשביל שיש מחלוקת בעצמו, היינו בין המלך זקן וכסיל הוא היצה"ר עם הנפש האלקית, ע"כ צריך למשוח עוה"פ, דלא מצינו שום חילוק כזה בשום מקום ולא אישתמיט שום תנא לומר כן. ואדרבה, יש ראי' להיפך, דמצינו גבי [רחבעם בן] שלמה בן דוד שהי' עליו מחלוקת עם ירבעם בן נבט ולא נמשח עוה"פ. וע"כ צ"ל שיש חילוק בין מלך בשר ודם למלך מלכי המלכים הקב"ה, שכבר קיבל עליו עומ"ש בשנה זו.

דבכלל יש לחקור, למשל גבי מצות ד' מינים, אי היינו שבמה שלוקח הד' מינים בידו נפטר על כל היום, אי דהוה ע"ד חיוב המשכי ותמידי על כל היום. שעם חקירה זו מסביר הרוגאצובי המחלוקת בגמ' גבי ד' מינים אי אתקצאי ליומא או אתקצאי למצוה, דאי אתקצאי ליומא היינו שהוא חיוב המשכי ותמידי, משא"כ אי אתקצי למצוה הרי נפטר כל החיוב ברגע זה שהי' הלקיחה. ולפי"ז מצאנו דין בהנוגע לפועל אי ההלכה דאתקצאי ליומא אז ה"ה מוקצה לכל היום. וכמו"כ יש להסתפק גבי משיחת המלך כנ"ל. ומצינו גמ' בכריתות (דף י' ע"ב) דשם ישנה מחלוקת גבי כהן גדול או מלך שכבר נמשחו בשמן המשחה, אי מותר להם ליסך בשמן אי נקראים זרים או לא, חד אמר צ"ל זר מתחלתו ועד סופו, וחד אמר דאצ"ל זר מתחלתו ועד סופו, דהגם דמעיקרא לא בי' נק' זר אבל אפ"ה עכשיו הרי דינו כזר, נמצא מזה דלכו"ע הרי עכשיו הוא זר. ע"כ ראי' מזה למשיחת כה"ג ומלך. משא"כ גבי מלך מלכי המלכים הקב"ה פסק הרמב"ם (בריש הלכות יסודי התורה) "ואם יעלה על הדעת שהוא אינו מצוי אין דבר אחד יכול להמצאות", וע"כ צ"ל דלגבי השי"ת הוה כעין ענין תמידי והמשכי, משא"כ גבי מלך בשר ודם, כפתגם הבעש"ט עה"פ "לעולם הוי' דברך נצב בשמים", שדבר הוי' מהוה ומחי' תמיד את העולם, ובלא"ה הרי העולם מסתלק שוב לאין ואפס.

אבל לפי"ז א"מ למה אומרים דוקא ברכת ההמלכה בר"ה. אלא הגמ' אומרת (בהוריות י"א ע"ב) גבי רב דנשיא מקרי רק מי שאין למעלה הימנו רק הקב"ה, וכמו"כ בכל השנה כ_יום, שיובן עפ"י המבואר בדא"ח שבכל השנה הוא מאיר רק חיצוניות המל' ובר"ה הוא פנימיות המל'. וכידוע האין ערוך בין חיצוניות המל' לפנימיות המל', וע"כ בכל השנה אאפ"ל ענין ההמלכה, משא"כ בר"ה, שאז נמשך המשכה חדשה בעולם כמ"ש אדמוה"ז.

סיפר ע"ד אדמו"ר מהר"ש שהי' קונה מתנות לזוגתו הרבנית, וכמו"כ הי' מבקש ממנה שהיא תסע עמו לחו"ל, אבל היא מיאנה, ונתנה המעות תמורת זה בשביל הכנסת כלה, וההוראה לזה לכל בנות ישראל. ודיבר באריכות שפשה הנגע גם אצל אנ"ש אודות האליוואוד קיטשען, וקארפעט מעור אחד, וטעלעוויזשען בהבייסמענסט, וזה מבטל משיעורי לימוד בנגלה ובדא"ח, והמורם מכ"ז הוא פשוט לקבוע שיעורים הן בנגלה ובדא"ח...

## ב"ה. תוכן קצר מהתועדות ש"פ שלח, כ"ג סיון, תש"ל

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. התחלת הסדרה הוא "שלח", ע"ש שמדובר בו ענין המרגלים, שזהו ענין חשוב ועיקרי. והראי', שמביא כל פרט ופרט בענין המרגלים ומכיון שזה מובא בתורה הרי זה הוראה לכל הדורות. ולא רק למעשה זה אלא כל דבר שבא לענין זה יכולים ללמוד מזה. וצריכים להבין שייכות ענין המרגלים להשאר הענינים המדוברים בפרשה הזאת ובפרט להדברים שמדובר בסוף הפרשה, ענין ציצית, מצד נעוץ תחילתם בסופם. ובהקדים שצריכים להבין ענין חטא המרגלים שהם היו אנשים חשובים, והיו אנשים קרואים ומשה מנאם. וגם הטענות שלהם לא היו סתם טענות, אלא טענות ע"פ שכל וכו', עד כדי כך שרואים אז ער האט איינגערעדט די אידן, ואפילו יהושע וכלב רצו לומר להיפך (מהמרגלים) האבען אלע אידן גע'טענה'ט לרגום אותם באבנים, וזה הי' מס"נ מהם ורואים שהקב"ה שילם להם ונתן להם ארץ (לירושה). רואים מזה שזה לא הי' סתם טענות וכו'.

ומבואר בלקוטי תורה מאדה"ז, שהמרגלים ידעו שלקיים המצות בארץ ישראל הוא נסיון גדול מאד (ובמדבר הוא יותר קל), מכל מקום קשה דלכאורה הקב"ה צוה ללכת לארץ ישראל, ומה הנ"מ אם קשה לקיים המצות או לא. והענין הוא, מכיון שהאמונה שלהם הוא בבחינת מקיף ממילא לא ירד בפועל. וכדאיתא בגמ' גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי וכו', ולא בא לפועל כשבא לעשות חשבון ע"פ שכל שהחשבון הוא צריך לעשות ע"פ תורה כמ"ש וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה, קומט בא אים אויס שאין דרך אחרת אלא לגנוב. זה כשמדברים באמונה ושכל, וכך הוא בשכל ובמדות און בפועל שיכול להיות שמבין ומדבר מעלת אלקות וכל דבר הוא מבין בפרטים ומבין שכל דבר עשה הקב"ה ואין דבר העושה את עצמו, וזה לא בא בפועל (שהוא מצות), ולא שחסר לו שכל או אמונה אלא שיש ענין שמפסיק או מצד מיצר הגרון או מצד איזה סיבה שתהי' וואס האלט אפ בנוגע לפועל. כך בנוגע למרגלים האמונה לא הי' חסר להם אלא הבפועל, כשרואים שהם ידעו שה' שלח אותם כשטענו למה ה' מביא ואתנו וגו'. וזה גופא הביא להטענה ניתנה ראש, וזה הי' טענה של כפירה, כפירוש רש"י. וזה בדוגמת ששכל לא בא במידות וזה גופא הוא השאלה למה לא בא בפועל, אמת שחסר באמונה אבל מ"מ הרי צוה הקב"ה.

(ומתרץ) שזה גופא הי' מצד פניות עצמם שזה מעוות, כמש"כ במדרש שהי' להם פניות בנוגע לעצמם שיראו שלא יהיו נשיאים בא"י. ובפשטות יותר כשיצאו ממדבר ויכנסו לא"י הוא ע"ד שיוצאים משכל כמו שהוא האט שכל מורה כך הוא לפי שהיו רגילים בטבע, שאע"פ שבבוקר ירד המן וגם השלו שזה הי' ניסים, מ"מ היו רגילים בטבע, ואפילו במן הי' טרדה, שהיו דכים במדוכה (ולא כמו כל מאכל). והנה במדבר הי' הנס רק בבקר, וכשיכנסו לא"י יהיו צריכים ניסים במלחמות וכו' כל היום, ולזאת

לא היו רגילים, אלא היו רגילים לנס רק בבקר ולא כל היום. ורואים שהכניסה לא"י הי' ע"י מלחמות.

שכן הוא בשקו"ט ע"פ שכל, אע"פ שיש לו שקו"ט, יש לו פניות עצמו ורוצה שיהי' הדבר כך וכך, וזה אצלו ע"ד ענין השוחד שמעוות, ולאו דוקא שוחד ממון אלא אפילו שוחד דברים, ואינו רואה את אמת, ולא שאינו נקרא חכם, דהא בגמרא אומר הלשון יעוור עיני חכמים. וענין הפניות הוא יותר במקום שיש קנאה (כמו שהי' במרגלים שיראו שלא יהיו עוד נשיאים בא"י...).

וכנראה במוחש, דכשיש איזה שאלה על מאכל והולך למורה הוראה ופוסל את המאכל, אע"פ שיש לו הפסד ממון אינו מקפיד ואין לו טענות כו', אבל כשיש דין ומשפט עם חברו בנוגע לממון והוא מפסיד, אע"פ שזהו מורה הוראה ההוא שבנוגע להנ"ל האמינו כו', עכשיו בנוגע לדין ומשפט עם חברו יש לו טענות וכו'.

וזהו ההוראה ממעשה המרגלים שלא לסור מהאמת, שוחד זה מעוות, דאפילו מתחיל מהאמת (כמו שהמרגלים התחילו, למה ה' מביא אותנו גו') דאז סוכ"ס יסור מצד האמת, וענינים שלמעלה מהטבע יבוא בטבע, ושלא ירגיל עצמו בהרגל נעשה טבע... (חסר הסיום).

**ב.** ע"פ הנ"ל יובן הכתוב "שלח לך – לדעתך", דהא כל הדבר בא ממשה, ואין יכולים לומר שכל הענין בא ממשה, והוא הי' רועה ישראל, והי' עם ישראל קודם שהלך למדין והי' לו זמן לידע מה הם ישראל, ורוב שנים יודיעו חכמה, ובפרט חכם כמשה רועה ישראל, ולא סתם אלא הקב"ה עשהו, ואין שייך ד"לדעתך", בא הענין דידע אותם בשעת נעשה ונשמע וכן להיפך בחטא העגל, "שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו גו'", ודאי אין משום משה אלא כדלעיל בשקו"ט דיש הנחה שלו ומקוה שיצא כסברתו, וזה החילוק אם באמצע רוצה בהנחתו.

וכמו"כ במרגלים שהלכו בשליחות של אמת, אבל משום שלא הלכו כל הדרך בשליחות, משא"כ כלב ויהושע... אבל מען טרעט אפ לא טוב, שזה רואים שבאם [. .], משה שלחם לראות בטוב הארץ, עד אפילו "החזק גו' הבמחנים גו'", אם ארץ מגדלת גבורים כו', ובאו בתירוץ דיש שם גבורים, אעכו"כ בדרך לארץ... וזה אם הולכים "לדעתך" טוב, ואם לאו בא ענין המרגלים... וזה ענין שנתחדש לאחרונה "איקאלאדזשי", וזהו פרש"י בנוגע לארץ אשר מגדלת גבורים כו'.

וזה הוראה דיכולים זוכען דתורה אינו מתירא משכל... אדרבה, דשכל נברא מהקב"ה, אבל אם הולכים מצד אמת (כדלעיל), אז מסכים עם השכל, אבל בשעת [שיש שקו"ט] מהענין נעשה ענין אחר אם יש גבורים... ואם היו הולכים מצד משה לא הי' מיצר כו', אבל וויבאלד מען האט אפגעטרעט הי' קושיות הנ"ל (וראיות

שהנ"ל אמת). חכמים המה להרע...

בשעת שיש השוחד יעוור, אדרבה מזיק, כבמרגלים שנשרו במדבר שמם, **היפך השכל**, כנ"ל מספרי מוסר דאדם שכלי אם אינו עושה בשכלו מה שצריך ה"ה מזיק יותר...

וההוראה לכאו"א, אם מחפש ענין בתורה [צ"ל] שלא יהיו פניות עצמו כמו "ודל לא תהדר בריבו" אע"ג דצריכים ליתן לעני יותר, אבל כיון שאינו אמת, זהו ענין השוחד יעוור כו'.

כל ישראל יעשה [במקומו] ארץ ישראל, "עיני הוי' אלקיך בה", דהשגחה פרטית שהקב"ה מנהיג, וזה יכולים לעשות בכל העולם, דעתידה א"י שתתפשט כו'. וזה אינו ענין חדש, דהי' כן בשעת הבריאה... וזה אם אוחזים בנקודת האמת, מגלה נקודה הפנימית ובא הפנימיות בגלוי. שכן זה הענין הציצית, לגלות הפנימיות... וזה ענין משה רבינו כו'.

**ג.** מאמר (כעין שיחה) עה"פ ועשו להם ציצית גו'.

**ד.** שאלות בפירוש רש"י עה"פ (יד, ט) "אך בה' אל תמרודו וגו'".

**ה.** בנוגע לאגה"ת בסוף פי"א בנוגע לחטא "נגד ה'", שבפסוק כתוב רק "(וחטאתי) **נגדי**" ואדה"ז מחדש "נגד ה'". וג"כ דיוק "אדם" – "האדם" – "אדם" הוא שם עצם, "האדם" הוא כמו "הראובני" [שהוא שם תואר] הנוגע לשבט. דבנוגע לגויים אפ"ל "האדם", אבל בנוגע לישראל הוא דוקא "אדם" שם העצם. דגויים יש להם שייכות עם "האדם", שבזה הם שווים לישראל, כדאיתא בגמ' מפרנסים עניי עכו"ם עם עניי ישראל. [כמ"ש אדה"ז] בפ"ל [בענין "והוי שפל רוח בפני כל האדם"].

וכאן המקום לעורר ע"ד הענין דמיהו יהודי, שהשאלה באמת הוא לא מיהו יהודי אלא מיהו איש אמיתי.

בהמשך השיחה דיבר באריכות בענין מיהו יהודי.

**ו.** הביאור בפירוש רש"י.

**ז.** הביאור באגרת התשובה; "יינה של תורה" שבפירוש רש"י.

# יחידות סב הכלה ר' יהודה ליב שי' וואלאוויק

**ב"ה. יום שלישי לסדר בשלח י"א לחדש שבט שנת ה'תשט"ז.**
**ישיבת תות"ל נויארק.**

היום שעה שתים ורבע אחרי חצות לילה נכנסתי בפעם הראשונה ליחידות, והנני רושם תוכן דברי כ"ק אדמו"ר שליט"א, כי את לשונו הק' אינני זוכר בדיוק, וע"כ הנני רושם רק את תוכן דבריו הק'.

כשנכנסתי לקח כ"ק אדמו"ר שליט"א את הקוויטל וקרא בו.

כשגמר לקרא אמר: **בנגלה הנך לומד מן־הסתם מסכת בבא מציעא, מה אתה לומד בדא"ח?**

עניתי: דרך מצותיך.

שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א: **איזה מצוה?**

עניתי: שרש מצות התפלה.

שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א: **וואו האלטסטו?**

עניתי: עשרה פרקים הראשונים.

שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א: **ווער זיינען דיינע חברים אין נגלה און אין חסידות?**

עניתי: בנגלה – הת' זוסיא פויזנער, ובדא"ח – הת' אהרן חיטריק.

שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א: **נו מן־הסתם הנך נותן מה־שהו לצדקה לפני התפלה.**

עניתי: לפעמים.

אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: **תקבל עליך מהיום והלאה בלי נדר שכל יום שני ויום חמישי לכל הפחות אריין ווארפן א סענט אין א פושקע פארן דאווענען, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין נגלה און אין חסידות.**

כ"ק אדמו"ר שליט"א רשם תחת הכתוב בקוויטל, וחושבני שרשם על השאלות שעניתי.

# מכתבים מבית חיינו

## – תשמ"ז-תשמ"ח –

### א

**עש"ק פ' קרח 5.20** AM

באנאכט [מוצאי כ"ח סיון] האט מען פארבראכט אין 770 גאנץ פיין, די סעודה איז געווען א טשיקן.

א. שטערנבערג האט זיך אנגעזעצט אויף ר' שלום האריטאנאוו אז ער זאל מיט אונז פארברייינגען, און ער האט מיט אונז פארבראכט ביז 5 אזייגער, ער פארברייינגט גאנץ גוט.

קען זיין אז נעקסטן יאר וועט ער זיין אונזער משפיע, פיקארסקי וויל זייער אז ער זאל ווערן אונזער משפיע, מיר ווילן אז ער זאל ווערן אונזער משפיע, אבער ער אליין וויל ניט ווערן ומה שיהי' יהי' . .

בברכת דידן נצח

*

### ב

**א' חקת א' לחדש הגאולה 7** PM

טייערער ירחמיאל שי' . .

איך ווייס ניט אויב דו ווייסט אבער נעכטן [ש"פ בלק] איז געווען א שרעקעדיקע פארברייינגען.

דער רבי האט אנגעהויבן – די דריטע אדער פערטע שיחה אינמיטן שיחה – אז לעצטענס איז די שכונה פון נשיא דורינו געווארן מחלוקת אשר כמוהו לא נהיתה, און עס איז הולך ומוסיף אין כיוון פון היפך האור. אז מען קוקט זיך צו ווי דער מצב איז געווען מיט א יאר צוויי דריי צוריק, זעט מען אז עס איז געווען אסאך מער בשלום ווי יעצט.

וואס דאס איז צוליב די מחרחרי ריב וואס זוכן אלץ מחלוקת, וואס רייצן אן איין חסיד אויפ'ן צווייטן, און זיי טענה'ן אז איך האב אזוי מרמז געווען בא דער פארברייינגען, און די כוונה איז געווען אזוי אדער אזוי.

האט דער רבי ממשיך געווען **כוונה אהין כוונה אהער**, זיי זאגן אז איך גיי אנטקעגן שולחן ערוך, איז ניט נאר וואס דער וואס זאגט אזוי איז אליין א נפרד **נאר ער מאכט מיר אויך פאר א נפרד רחמנא ליצלן**, וויבאלד אז אנדערע טוען אויך אזוי און עס איז אויף מיין אחריות.

אסאך מאל טראכט איך בא זיך וואס דארף מען קומען פארברייינגען, עס איז דאך בעסער אז איך זאל זיצן אין צימער לערנען דאוונען טאן אין צרכי ציבור, וואס דארף איך קומען און מאטערן אידן מיט דברי מוסר וכיו"ב וכו' וכו'.

ובנוגע דער מצב אין די שכונה האט מען ממנה געווען 3 משפיעים, איז איינע פון זיי טענה'ט אז ער האט בכלל גארניט צו טאן מיט דער שכונה, ער האט זיך זיינע פריוואטע ענינים, ואין פוצה פה ומצפצף וכו' וכו' וכו'.

עס איז ניט געווען אזוי לאנג, נאר לערך 15-10 מינוט, אבער דער רבי האט ממש אויסגעריסן די הארץ, מען האט ממש געזען די עגמ"נ וואס דער רבי האט, עס איז פשוט געווען א שרעק צו קוקן אויפ'ן רבי'נס פנים בשעת ער האט גערעדט די שיחה.

נעכטן האבן די שלוחים צו תורת-אמת (מיין לעצטע יאריקע כתה) גענומען משקה פון רבי'ן, י. איידעלמאן האט געמאכט די הכרזה זייער שיין.

זיי האבן געדארפט פארן היינט, אבער זיי האבן נאכניט זייערע טיקעטס, וועלן זיי מסתמא פארן מארגן . .

נעכטן האט דער רבי אויך דערמאנט סוף די צווייטע (אזוי דאכט זיך מיר) שיחה, די הוראה אז מען דארף צוגיין צו יעדער איד און זאגן אים אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה" . .

היות אז איך פאר אוועק דינסטיק אינדערפרי נאך איידער די הנחה וועט זיין אויפ'ן מארק, וועל איך דיר זען צו קריגן א תוכן קצר פון פארברייינגען.

די שיחה צו נשי ובנות חב"ד און צו תלמידות המסיימות איז ארויס מוגה. איך וועל דאס זען צו קריגן פאר דיר . .

## ג

**ח"י תמוז ד' לפ' פנחס 4:40**

טייערער ירחמיאל שי' . .

די ערשטע וויל איך דיר שרייבן וואס איך האב געהערט פון דעם שבת פארברייינגען.

דער רבי האט גערעדט וועגן דער מצב פון די שכונה, אז עס איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא מצב אין דער שכונה.

דער רבי האט ממשיך געווען ווייטער אז דריי זאכן האבן געטראפן אלץ תוצאה פון די מחרחרי ריב:

(1) מיטוואך האט געדונערט און געבליצט אין דער שכונה דווקא – און ניט אין אנדערע שכונות – וואס עס איז נאך קיינמאל ניט געשען פריער אין זומער אז עס זאל אזוי דונערן.

(2) פרייטיק איז א תמים שטארק צוקלאפט געווארן מיט א טראק וכו'.

וכידוע וואס דער פריערדיקער רבי האט געענטפערט אין די מלחמה יארן, בשעת מען האט אים געפרעגט פארוואס די שענסטע אידן ווערן גע'הרג'ט, האט דער פריערדיקער רבי געענטפערט אז א פאטש גיט מען אין פנים. און אזוי איז אויך בענינינו, אז דווקא א **תמים** איז צוקלאפט געווארן.

וואס דאס איז אינגאנצן ניט זיין שולד, און ער איז געפארן די וועג אסאך מאל, נאר וואס דען דאס איז געווען א אזהרה פאר די מחרחרי ריב אז זיי זאלן אויפהערן. און יעצט אז זיי האבן שוין געקראגן די אזהרה, קען שוין דער תמים ווערן געזונט, און ער וועט זיין געזונט, וואס כאטש אז ער דארף אנקומען צו א נס כדי ער זאל ווערן געזונט, אבער זיכער וועט ער זיין געזונט . .

(פרייטיק האבן די עלטערן [של הת' שמואל חיטריק] אריינגעשריבן צום רבי'ן אז א דאקטער זאגט . . האט דער רבי געזאגט אז זיי זאלן גיין צו א אנדערן דאקטער.

שבת . . אפגערופן די הצלה טלפון אין 770, און געבעטן ל. ביסטריצקי אין מיט'ן פארברייינגען צו בעטן א ברכה באם רבי'ן, היות ער ליגט אין שפיטאל אין וועסטשעסטער האבן זיי אליין ניט געקענט קומען בעטן א ברכה, האט דער רבי געגעבן א ברכה.

אטא דאס איז די מעשה).

בשעת דער רבי האט גערעדט וועגן די אויבן דערמאנטע מעשה, האט דער רבי געזאגט אז ער וועט **זיכער** געזונט זיין און ער וועט זיין א גדול בתורה.

איינע פון די אויסשפראכן וואס דער רבי האט אויך געזאגט אז **דער אויבערשטער האט זיך גענומען צו ליובאוויטש**.

(3) אז שבת בא קריאה האט מען געפונען א פסול אין ספר תורה.

וואס דאס איז אלץ צוליב די מחרחרי ריב. [ע"כ מההתועדות]

י. קרינסקי האט געוויזן דעם רבי'ן א שטיקל פון נ.י. טיימס וואס מען האט דארט געשריבן וועגן י"ב תמוז. האט דער רבי אים געפרעגט אויב דאס איז וועגן הלכות בית הבחירה, האט יודל געזאגט דעם רבי'ן אז דאס איז וועגן י"ב תמוז, האט דער רבי אים געזאגט אז ער זאל פאר די 3 וואכן זען צו אריינשטעלן וועגן לערנען הלכות בית הבחירה.

לעצטע וואך איז הרב מ. מענטליק געווען באם רבי'ן אין צימער איין נאכט פאר א שטיק צייט. אין מיט'ן איז ער ארויס ארום 11 אזייגער באנאכט, און האט געזאגט די בחורים אז דער רבי האט געהייסן איבערגעבן אז די בחורים זאלן זיך בכלל ניט אריינמישן אין די מחלוקת, און דער רבי האט אויך געמאנט בא הרב מענטליק צו איבערגעבן א דו"ח וועגן דעם ענין.

און אויך האט דער רבי געהייסן אז בחורים זאלן ניט זיין בא קיינע אסיפות פון וועד הקהל מיט'ן עולם.

במילא קען איך דיר ניט שרייבן אפי' די מעט מן המעט פאליטיק וואס איז אנגעקומען צו אונז אין קעמפ, It's not my fault. .

דאס איז אלץ א פותחין בדבר מלכות פון דעם בריף.

ועסטו פרעגן פון וואנעט ווייס איך די אלע זאכן, איז דער ענטפער גאר א פשוט'ער, אז מען רופט דא אפ מוצאי שבת צו הערן חזרה אויף קעמפ'ס חשבון, גדלי' רופט אפ י. גרינבערג, ובמילא ווייסט מען אלץ וואס טוט זיך אין נ.י.

איך בין זיכער אז דו האסט געהערט די פארברייינגען דאנערשטיק באנאכט [מוצאי י"ב תמוז], דער פארברייינגען איז פשוט געווען צוליב די מחרחרי ריב.

2 שעה האט דער רבי אוועקגעגעבן נאך א טאג זיין אין אוהל צוליב די מנוולים, דער רבי

האט גערעדט פייערדיק אז זיי זיינען קליפת מדין, און זיי האלטן א מלחמה מיט נשיא דורינו וכו' וכו', עס איז ממש געווען מורא'דיק צו הערן אזעלכע ווערטער פון רבי'ן . .

יעצט וועל איך דיר שרייבן מיין סדר היום . . 10:30 ביז 1:30 לערן איך מיט צען יאריקע קינדער כללי רש"י, דהיינו שיחות וואס זיינען גוט מסביר די כללים בסיסיים אין כללי רש"י, און קיצור שו"ע . .

בשעת מיר זיינען דא געפלויגן האבן מיר גענומען קאנטינענטל אֵייר לַיינס, פארשטייט זיך אז די געגועים האבן זיך בא מיר מעורר געווען אין א אופן מבהיל, אבער וואס קען מען טאן, אט דאס איז שליחות . .

בברכת שיהפכו ימים אלו לששון ולשמחה

ושיהי' דידן נצח

*

**ד**

**ד' דברים ג' מנחם-אב פה שכונת כאן צוה ה' את הברכה**

טייערער ירחמיאל שי' . .

וועגן די פאליטישע זאכן וועל איך דיר כמובן **ניט** ענטפערן, נאך דעם וואס דער רבי האט געבעטן אז בחורים זאלן ניט רעדן צווישן זיך קיין רכילות וכו' . .

איך בין היינט געווען אין קה"ת בנוגע אגרות ח"ג, זיי האבן שוין ניט מער און זיי ווייסן ניט ווען זיי וועלן האבן נאך . .

יעדער איינער וואס האט אנגענומען אויף זיך צו פארברייינגען ערגעץ האט געקראגן א בוטל ספירט (י.י. גוראַרי פון דיטראיט רופט משקה ספירט) פון רבי'ן ט"ו תמוז . .

לעצטע וואך איז אין דיטראיט געווען קאלאר-וואר כנ"ל. די טימס האבן געהייסן בית-חב"ד (דהיינו ווי א בית חב"ד פועל'ט אויף דער סביבה), און מקדש מעט, וואס בעצם האט מען געדארפט ארויסברייינגען ווי א חדר צבאות ה' פועל'ט אויף יעדן איינעם בפרטיות. די גענעראלן זיינען געווען – ברוך טאלער פאר בית חב"ד, און לייזער לאזרוב פאר מקדש מעט. לוטענענט גענעראלן זיינען געווען א. מינץ און לוי (ב"ר מ"מ) שם-

טוב . .

דעם שבת איז געווען א שבת פון "מבצע רבי", דהיינו אז יעדער איינער וואס האט עפעס וואס א שייכות מיט א קינד האט געדארפט אויף אים פועל'ן צו מאכן א החלטה טובה וואס מען זאל קענען אריינשרייבן צום רבי'ן, און ב"ה דאס האט זייער מצליח געווען.

בכלל איז דער מנהג אין דיטראיט אז א האלבע שעה פאר'ן באנקעט זעצט זיך יעדער קעמפער אוועק און שרייבט א בריוו צום רבי'ן.

נעכטן באנאכט ווען דער באס איז אנגעקומען פון לופט פארט צו 770, ווי נאר מען איז אראפ פון באס האט מען געמאכט א יחי, און דערנאך איז מען אריין אין שול (אויבן) און געדאווענט מעריב, עס איז געווען זייער שיין . .

בברכת דידן נצח בשלימותו

*

**ה**

**עש"ק פ' נחמו י"ב אב 3:00 PM בשכונת כאן צוה ה' את הברכה**

טייערער ירחמיאל שי' . .

די וואך בין איך געפארן צום ישיבת קיץ . . בכלל בנוגע אונזער פארן:

מיר זיינען צוריק געקומען פון דיטראיט דינסטיק באנאכט.

מיטוואך באנאכט האב איך געקראגן א טלפון קאָל פון ר' מ. טייטעלבוים אז ער וויל וויסן די נעמען פון אלע וואס פארן אין ישיבה קיץ, האב איך אים געגעבן אלע נעמן. דערנאך זאגט ער מיר אז איך זאל אלעמען לאזן וויסן אז מארגן וועט זיין פאר אונז א אסיפה אין 770 10:30 בנוגע פארן אין גן-ישראל נ.י.

דאנערשטיק זיינען מיר געווען בא דער אסיפה, און ר' מיכאל האט אונז געזאגט אז עס איז ניט געווען קיין ברכה פון רבי'ן צו ישיבת קיץ, וויל ער אז מיר זאלן פארן קיין גן ישראל.

האבן מיר אים געזאגט אז בכלל האט ישיבת קיץ געהאט א ענטפער פון רבי'ן "איני צד בזה לא בכלל ולא בפרט", און דערפאר האט דער רבי ניט געגעבן קיין ברכה.

אבער ר' מיכאל, און אזוי אויך ר' פיניע, האבן ניט געוואלט הערן פון פארן אין ישיבת קיץ. עד כדי כך אז פיניע האט געזאגט, אז ישיבת קיץ איז א מתנגד'ישע ישיבה היות אז עס פירט זיך אן א ברכה פון רבי'ן.

בפועל האט די הנהלה מחליט געווען מיט אונז אז מיר זאלן אריינשרייבן צום רבי'ן אז די הנהלה איז מסופק וואס צו טאן, פרעגן דעם רבי'נס חוו"ד און ברכה.

אין דריי פערטל שעה האבן מיר געהאט דעם ענטפער: "**אם אין ההנהלה מנהלת אותם יעשו כעצת (וועד) רבני חב"ד אעה"צ**".

זיינען מיר גלייך געלאפן צו די רבנים, האבן די רבנים געזאגט מקום שלבו חפץ, און מיר זאלן פארן וואו מיר ווילן.

גלייך נאך דעם האט די הנהלה באשלאסן אז דער ענטפער פון רבי'ן איז געווען אויב די הנהלה פירט ניט, ווי איז אבער אז זיי פירן יע, דארפן מיר זיך צוהערן צו זיי, ובמילא מוזן מיר פארן אין גן-ישראל.

דאס האט די הנהלה וואס איז אין נ.י. מחליט געווען, דהיינו ר' מיכאל ר' אלי' חיים און ר' פיניע. משא"כ די הנהלה וואס געפינט זיך ניט אין נ.י., דהיינו ר' מענדל וואס איז געווען אין מעלבורן, אפרים פיקארסקי אין ישיבה קיץ, און ראזענפעלד אין ארץ ישראל, האבן בפירוש געהאלטן אז מיר מוזן פארן אין ישיבה קיץ.

זיינען מיר געלאפן צו די רבנים, און זיי געזאגט אז ע"פ פשטות מיינט "אין ההנהלה מנהלת" אז זיי זיינען צוקריגט מיר דער דעה, ובמילא פרעגן מיר בא די רבנים וואס צו טאן.

האט הרב מארלא געבעטן אז מיר זאלן רופן ר' ... צו זיין אפיס, האבן מיר אים אפגערופן, און ער האט ניט געוואלט קומען.

זיינען מיר צוריקגעגאנגען צו די רבנים, האט אונז הרב העלער געפרעגט מיט וועמען האבן מיר צוטאן א גאנצע יאר, האבן מיר אים געזאגט מיט הרב פיקארסקי. האט ער אונז געפרעגט וואס האלט פיקארסקי, האבן מיר אים געזאגט ישיבה קיץ. האט ער אונז געזאגט, אויב אזוי זאלן מיר פארן אין ישיבה קיץ.

דער פסק האבן מיר באקומען זונטיק נאכמיטאג. מאנטיק אינדערפרי נאך קריאה האבן מיר גענומען א וואן סערוויס צום ישיבה קיץ, און מיט דעם האט זיך געענדיקט די מעשה..

[היינט] 10:30 זיינען מיר אפגעפארן קיין נ.י. . . מיר זיינען אנגעקומען לערך 1 אזייגער, און מיר האבן אויסגעפונען אז 12 אזייגער האט דער רבי געלאזט וויסן אז עס וועט ניט זיין קיין פארברייינגען, היות אז די וואך איז דא ירחי כלה. מיר האבן זיך לכתחילה גערעכט אויף דעם.

די וואך האט א. שם-טוב געפרעגט דעם רבי'ן צי ער קאן מאכן ירחי כלה אין דזשאיש סענטער, האט אים דער רבי געהייסן אז ער זאל דאס מאכן אין גן ישראל.

הרב מענטליק איז עפעס געווארן זייער קראנק, ער ליגט שוין אין שפיטאל איבער א וואך. דער רבי האט לעצטן פרייטיק געבעטן אז בחורים זאלן אים גיין באזוכן און רעדן מיט אים אין לערנען . .

בברכת דידן נצח

*

## ו

**כ"ב מנחם אב ב' לס' ראה פה ישיבת קי"ץ**

טייערער ירחמיאל שי' . .

די ערשטע זאך וועל איך דיר דערציילן אפאר אינטערסאנטע זאכן.

ווי עס איז משמע האט א. גערליצקי ניט אריינגעגעבן זיינע שיעורים אויף מס' פסחים צום רבי'ן, לעצטע וואך האט זיך דער רבי נאכגעפרעגט אויף זיינע שיעורים.

אין גן-ישראל דיטראיט האבן אפאר מיידלאך אנגעהויבן פילן אז זייער לינקע פוס טוט וויי, האט מען אריינגעשריבן צום רבי'ן, האט דער רבי געהייסן בודק זיין די מזוזות. האט מען געפונען אויף איין מזוזה אז די לינקע פיסל פון א אלף איז איבערגעהאקט.

איך האב פרייטיק געקויפט א אגרות ח"ג פאר דיר . . בכלל איז דער חלק גאר אינטערסאנט מיט אסאך התקשרות בריוו.

שבת [כ"ף מנ"א] איז בכלל געווען א מורא'דיקע פארברייינגען.

דער רבי האט זייער געמאנט שמחה בא די ערשטע שיחה, נאך די ערשטע שיחה האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און האט געזונגען ר' לויק'ס ניגון.

די צווייטע שיחה האט דער רבי ארויסגעבראכט די שמחה וואס קינדער ברייגנען ארויס. דער רבי האט אפגעגעבן די קינדער און מדריכים פון גן-ישראל א יישר כח פארן קומען צום פארברייינגען.

ובכללות איז עס געווען גאר א אינטערסאנטע פארבריינגען.

בכלל בא די תפלות איז געווען גאר אינטערסאנט, קבלת שבת האט דער רבי געדאווינט אינגאנצן אן נוסח, פשוט געזאגט ווערטער. בא לכה דודי האט זיך דער רבי בכלל ניט אפגעשטעלט, נאר געהאלטן אין איין זאגן.

שחרית איז שוין געווען מיט אביסל נוסח, מוסף איז געווען נאך אביסל נוסח, און מנחה איז געווען מיט נאכמער נוסח. אבער על פי רוב האט דער רבי געדאווינט אן נוסח.

בא הוא אלקינו האט דער רבי געזאגט "שנית" אינגאנצן אן א ניגון, כידוע אז יעדער מאל זאגט דער רבי אנדערש.

מנחה האט מען זיך געריכט אז דער רבי וועט דאוונען אויפ'ן ארט וואו דער רבי דאווענט אלעמאל (דהיינו אין מיט'ן שול). בפועל נאך דער ברכה אחרונה האט זיך דער רבי געגעבן א שטעל אויף, און האט אנגעהויבן גיין צו מזרח. דו האסט ניט קיין אנונג ווי 770 האט יעמאלט אויסגעזען, טישן האבן אנגעהויבן פליען ספרים זיינען געפלויגן. בפועל האט דער רבי געדאווענט בא מזרח.

בשעת דער רבי האט געזאגט פרקי אבות האט ער זיך געזעצט באם עמוד.

לעוויטאנסקי האט מיטגעבראכט מיט זיך א לאיער, ש. קונין איז אויך זייער נאענט מיט'ן לאיער, דער לאיער האט געצאלט 23 טיקעטס פון שלוחים צום רבי'ן אויף כ' אב.

בשעת דער פארברייינגען האט דער רבי געהייסן אלע פון קאליפארניא זאגן לחיים.

דער לאיער האט געצאלט פאר א מלוה מלכה מוצ"ש אין 770, ער האט געקויפט 100 פונט הערינג 10 קייסעס ווייסע משקה און 10 קייסעס קראן ראָיאל.

ער איז געגאנגען נעמן א בוטל משקה פון רבי'ן, און האט אויסגערופן אז די מלוה מלכה הויבט זיך אן 10:30 "אנד נאָ ענדינג טַיים". דער רבי האט זיך ברייט צעשמייכעלט . .

אויף שבת איז גאנץ ישיבה קיץ כמובן געפארן צום רבי'ן . .

ובמילא וועל איך זיך דא אפשטעלן, און אז איך וועל האבן נאך צו שרייבן דיר וועל איך דיר שרייבן, און דער עיקר איז אז עס זאל שוין זיין דער

דידן נצח

*

**ז**

**א' לס' כי תצא ה' אלול פה אהלי-תורה הישיבה על טהרת הקודש**

טייערער ירחמיאל שי'

ערשטנס וועסטו מיר מוזן מוחל זיין פאר דעם וואס איך האב דיר נישט געשריבן די לעצטע ווילע, וואס קען איך טאן אז דער רבי לאזט ניט שרייבן רעדן קיין פאליטיק, כאטש אז עס איז אן עין-הרע דא אסאך.

יעצט וועל איך דיר ענטפערן אויף דיין בריוו פון לעצטן זונטיק וואס איך האב נעכטן ערהאלטן.

איך בין זיכער אז דו האסט געקראגן פון פ. שיינער אגרות ח"ג . .

מסתמא האסטו געהערט אז מרת ... איז נפטר געווארן פון א הארץ אטאק. די ספרים קפידא ארבעט נאך . .

דא דרייט זיך שמועות פאר די לעצטע 3 חדשים אז עס דארף זיין דידן נצח אט אט, הלואי זאל דאס שוין זיין אמת.

ביז יעצט האב איך געענטפערט דיין בריוו, יעצט וועל איך דיר סתם שרייבן נייעס אויף ווי ווייט מען מעג נאכ'ן ענטפער פון רבי'ן . .

ובמילא וועל איך זיך דא מוזן אפשטעלן, און איך האף צו שיקן דיר דעם בריוו אי"ה מארגן צוזאמען מיט'ן בית חיינו.

בברכת כוח"ט דהיינו דידן נצח בשלימותו

*

ח

**אור לג' תצא 11:15**

.. אדאנק פאר'ן לאזן מיר וויסן אז דו האסט באקומען דער אגרות ח"ג. ח"ד קומט ארויס מסתמא נאך תשרי.

דאס וואס דו ווילסט פרטים בנוגע ..., דער רבי לאזט ניט רעדן וועגן דעם, ובמילא "טאָף לאָק" ..

*

ט

**א' תבא י"ב אלול 7:20**

טייערער ירחמיאל שי'

קיין צופיל נייעס האב איך ניט, אבער היות אז די וואך דארף ארויסקומען א בית-חיינו האב איך באשלאסן צו שרייבן דיר, אז אי"ה נעקסטן וואך וועסטו דאס שוין האבן.

אין גאנץ קראון הייטס האט מען אויפגעהאנגען צעטלאך אז אי"ה דעם מיטוואך ביינאכט וועט זיין א גרויסן חסידישן פארברייינגעניש, היות אז עס איז נייינציק יאר זינט די התייסדות פון תומכי תמימים (איך וועל דיר אי"ה איבערשיקן די מודעה צוזאמען מיט'ן בית חיינו).

נעכטן נאך מעריב איז ניט געווען קיין לבנה אין פראנט פון 770, האט דער רבי געשיקט ל. גראנער צו זען אויב עס איז דא א לבנה. האט לייבל באמערקט אז קארנער קינגסטאן און איסטערן פארקוויי קען מען זען די לבנה, איז דער רבי ארויס מקדש זיין די לבנה. עס איז געווען א מורא'דיקע ציור צו זען ווי דער רבי איז געגאנגען, דער רבי איז געגאנגען זייער שנעל, עס איז פשוט געווען מלכות'דיק ..

לעצטן דאנערשטיק איז געווען לוי בוימגארטן'ס חתונה, שבת נאכמיטאג האט לייבל גראנער געמאכט א שבע-ברכות און ער האט גענומען א היבש ביסל משקה, און ער האט דערציילט אסאך מורא'דיקע מעשיות פון רבי'ן. איך האב נאר זוכה געווען צו הערן איינע, ובמילא וועל איך דיר נאר דערציילן די וועלכע איך האב געהערט.

ומעשה שהי' כך הי':

הרב טייץ'ס טאכטער איז אריין אויף יחידות, און בשעת זי איז ארויס האט איר לייבל געפרעגט וואס האט זי גערעדט מיט'ן רבי'ן.

האט זי געזאגט אז זי האט געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס נאר חסיד'ישע גדולים קענען פראווען מופתים און ניט מתנגד'ישע. האט דער רבי איר געענטפערט אז מתנגד'ישע קענען אויך. האט זי געזאגט דעם רבי'ן, אז בפועל זעט מען אז אלע מתנגד'ישע בעטן ברכות בא חסיד'ישע, איז דאך א ראי' אז די מתנגד'ישע קענען ניט פראווען קיינע מופתים.

האט דער רבי איר געענטפערט, אז דער טעם פארוואס חסיד'ישע קענען פראווען מופתים איז ווייל בא זיי פארנעמט וועלט ניט קיין ארט, זייער מציאות איז תורה מיט'ן אויבערשטן, איז אויב עס איז דא אזא איינער צווישן מתנגדים קען ער אויך פראווען מופתים . .

בברכת כוח"ט

דהיינו דידן נצח*

*) דרך אגב קיין נייעס וועגן דידן נצח האב איך לעצטענס ניט געהערט.

*

י

**אור ליום הבהיר ט"ו אלול ד' תבא 10:15 אין <u>אווענט</u>**

טייערער ירחמיאל שי'

. . האב איך באשלאסן צו צוריק שרייבן דיר כדי אז איך זאל קענען מיטשיקן דעם בריוו צוזאמען מיט'ן הנחה.

די ערשטע זאך וועל איך דיר ענטפערן אויף דיין בריוו.

א. גערליצקי גיט יעדן יאר זיינע שיעורים צום רבי'ן, מיר איז א פלא אז דו ווייסט ניט וועגן דעם.

בנוגע דעם דאנק אויף ח"ג אגרות, וויל איך דיר זאגן ווי ... זאגט "אַיי אפרישיאייט די

אפרישיאיישאן״ . .

. . זונטיק זיינען זיי געגאנגען נעמן דאלארן פון רבי'ן.

ירחמיאל איך וויל דיר זאגן גאנץ ערענסט, אז זינט דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם ענטפער בנוגע רכילות, און אז בחורים זאלן זיך ניט קאכן אין עניני השכונה און ניט גיין צו אסיפות פון וועד הקהל, האבן בחורים בכלל אויגעהערט צו רעדן וועגן דעם, און איך ווייס פשוט ניט בכלל וואס טוט זיך אין דער שכונה, און טאמער א בחור וויל עפעס אנהויבן רעדן וועגן דעם האלט מען אים אלץ נפרד. ובמילא ביטע הער אויף פרעגן דיינע שאלות בנוגע דער שכונה.

א גאנץ יאר דאווענט דער רבי מנחה נאכ'ן פארברייינגען וואו ער פלעגט אלעמאל דאווענען נאכ'ן פארברייינגען, און ניט בא מזרח.

ביז דא איז בנוגע דיין בריוו.

מארגן באנאכט דארף זיין אין 770 א גרויסע פארברייינגעניש און דאנערשטיק אין ישיבה. היינט באנאכט מאכט די ישיבה אפיציעל ניט קיין פארברייינגען, אבער פיקארסקי לאזט יעדן שיעור פארברייינגען מיט זייער משפיע, ר' ישראל וועט פארברייינגען מיט אונז.

ביטע שרייב מיר בנוגע **דיין** כאדאראם ט״ו אלול און איך וועל דיר בל״נ שרייבן דעם כאדאראם בא אונז . .

בברכת כוח״ט

דהיינו דידן נצח

*

### יא

**אור לב' נצו״י כ' לחודש הרחמים והסליחות 10:45** PM

טייערער ירחמיאל

היות אז איך וויל דיר שיקן דער תוכן קצר און דער ר״ח אלול הנחה מארגן, במילא האב איך באשלאסן צו שרייבן דיר אפאר ווערטער.

דער רבי האט נעכטן באנאכט מגי' געווען דער ח"י אלול מאמר פון תש"ל, עס איז נאך ניט ארויס פון דרוק . .

בברכת כוח"ט

דידן נצח

*

**יב**

**אור לו' נצו"י כ"ד לחודש דמלך בשדה ברוקלין נ.י.**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דער בריוו פון ח"י אלול איז ערשט ארויס היינט.

דער דאטום פון דער "קונטרס ב' המאמרים" אין פתח דבר האט דער רבי צוגעשריבן . .

בברכת כוח"ט

דידן נצח



כ"ג אלול תשמ"ז

[הוספת א' התמימים על הגליון]

לכ' ידידי היקר, פטיש החזק, עמוד **התורה**, וו"ח אי"א נו"נ המשגיח, משמח לב אלקים ואנשים (**ויין** ישמח לבב אנוש וד"ל), מו"ה הגאון ציס"ע ירחמיאל שליט"א, שליח מלך המשיח.

שלום וברכה!

ז"ע הנני יושב (באמצע שיעור של הרא"ח רויטבלאט) וזכרתי עליך ועוד בימות היותך בישיבתנו, וציורך נחקק בזכרונינו ובלתי תשכח! – ובשם כל הת' דאה"ת הנני מאחל את כת"ר ידידינו היקר שליט"א כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בגו"ר, ושתזכה למלאות שליחותך במלוא המובן, לנח"ר מה"מ.

בברכת דידן נצח! הכו"ח למען כבוד התורה ולומדי', כבוד המשקה ושותי' –!

ידידך היקר א.ש.מ.

**יג**

**א' האזינו כ"ו אלול**

טייערער ירחמיאל שי' . .

פאר שבת האט א אורח אריינגעשריבן צום רבי'ן אז ער איז געקומען מיט די משפחה, און היות אז ער האט ניט וואו צו איינשטיין טראכט ער צו צוריקפארן צו א"י. האט אים דער רבי ארויסגעשיקט צען שקלים שליח-מצוה געלט, דהיינו אז ער קען צוריקפארן.

עס דרייט זיך א שמועה אז מען האט געפרעגט דעם רבי'ן אויב מען קען אויפשטעלן א געצעלט אין פראנט פון 770, וואס זאל קענען אריינעמען 25 טויזענט מענשען, און וואו נאר מען וועט שטיין וועט מען קענען זען הקפות. האט דער רבי געענטפערט, אויב עס וועט ניט שטעכן אין די אויגן דהיינו פון פאליציי וכו' קענען זיי דאס מאכן. איך ווייס ניט אויף ווי ווייט דאס איז אמת, אבער אזוי האב איך געהערט פון יאסי שטערנבערג אין נאמען פון דזשימי . .

בברכת כוח"ט בגו"ר

דידן נצח

*

**יד**

**כ"ח אלול ג' האזינו**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דער רבי האט נאך דעם וואס ער האט גערעדט בנוגע בחורים זאלן זיך ניט קאכן אין פאליטיק, געבעטן מענטליק צו אריינשרייבן א דו"ח וועגן דעם. און דאס איז וואס איך מיין בשעת איך שרייב דיר אז נאכ'ן ענטפער פון רבי'ן קען איך דיר ניט שרייבן קיין פאליטיק . .

דאס וואס דו פרעגסט אז נחמן סודאק האט געהאט א ענטפער בנוגע תשרי, מ. אזימאוו (זיין פלימעניק) ווייסט ניט וועגן דעם.

אבער ער האט מיר געזאגט אז י. לייבוב האט געהאט א ענטפער: זיין פרוי פילט זיך ניט

גוט, זי האט געפרעגט דעם רבי'ן צי זי קען קומען, האט דער רבי געענטפערט "מופרך לגמרי". דערנאך האט ער געפרעגט צי זי קען פארן צו איר טאכטער, האט דער רבי געענטפערט "מופרך לגמרי". דערנאך האט ער געפרעגט אויב ער קען פארן, האט דער רבי געענטפערט, אויב דער דאקטער גיט רשות. בפועל איז י. לייבוב אין נ.י.

.. איך האף צו שיקן דיר דעם בריוו צוזאמען מיט'ן מכתב כללי.

מען האט נעכטן ארייגעגעבן דעם מאמר פון ר"ה מ"א צום רבי'ן צו מגי' זיין. עס איז א לאנגער שווערער מאמר. אויב עס וועט זיין בנמצא מארגן וועל איך דאס איבערשיקן מארגן.

*

## טו

**א' ברכה צו"ג יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, תהי' שנת חֵרוּת משיח**

טייערער ירחמיאל שי' ..

דעם יאר האט דער רבי ניט דערמאנט "כאָדאָראם" בנוגע ט"ו אלול, אבער מיר איז אינטערסאנט אז דו געדיינקסט ניט אויף זיכער אז דער רבי האט לעצטן יאר ט"ו אלול דערמאנט כאדאראם ..

מסתמא האסטו באמערקט דעם ר"ת וואס איך האב דיר געשריבן פון דעם יאר תשמ"ח, דער רבי האט נעכטן געזאגט דעם ר"ת און גערעדט וועגן דעם א גאנצע אריכות. די הנחה וועל איך דיר אי"ה שיקן סוף וואך, ובמילא דארף איך דיר יעצט ניט איבערשרייבן די גאנצע שיחה.

בכלל איז ר"ה דא געווען א געפאקטן עולם, ביינק האבן זיך צעבראכן איינס נאכ'ן צווייטן.

אבינו מלכנו האט מען די ערשטע נאכט ר"ה איבערגעזונגען 3 מאל, אבער בכלל האט מען נאר געזונגען איין מאל.

בכלל בא תקיעות האט דעם רבי'נס פנים געברענט ווי א פלאם פייער.

דעם צווייטן טאג ר"ה פאר די תקיעות איז דער רבי געשטאנען מיט'ן טלית איבער'ן פנים א לייגערע צייט, און בשעת דער רבי האט אויפגעדעקט דעם פנים זיינען דעם רבי'נס אויגן געווען געפערלעך פארוויינט.

די וידוים צווישן די תקיעות האט גענומען ממש א פאר סעקונדעס.

דעם צווייטן טאג ר"ה האט דער רבי געזאגט דעם פסוק "ערוב עבדך לטוב אל אל יעשקוני זדים", צוויי מאל איבערגעזאגט אל.

פרייטיק צונאכטס בא דער פארברייננגען האט דער רבי אנגעהויבן זינגען הוא אלקינו, און האט זיך **אויפגעשטעלט** און געפאטשט מיט די הענט, אבער דער רבי האט די גאנצע צייט געוויינט. עס איז פשוט געווען א מורא'דיקע און שרעקליכע ציור.

נעכטן נאכמיטאג האט זיך דער פארברייננגען געענדיקט לערך 4 אזייגער.

דער צווייטער פארברייננגען האט זיך אנגעהויבן 6:30 און געענדיקט זיך לערך 9 אזייגער.

כוס של ברכה האט געדויערט ביז 12:10. דערנאך איז דער רבי גלייך אהיים געפארן.

נעכטן בא כוס של ברכה האבן זיך בחורים געשלאגן אין פראנט גלייך אין אנהויב כוס של ברכה, האט דער רבי אנגעוויזן אויף א בחור מיט'ן פינגער און אים געזאגט "דו גיי ארויס פון מחנה תורה (דהיינו די בחורים) און גיי אהיים". [ליתר דיוק ראה בוידיאו].

ער"ה נאך מנחה האט דער רבי אנגעהויבן מאכן מיטן האנט אויף זיין עמוד, דהיינו אז מען זאל אנהויבן א נגון. האט מען גלייך אנגעהויבן אבינו מלכנו, האט דער רבי אנגעהויבן זינגען הויך אויפן קול אך צדיקים וכו' כי אלקים יושיע ציון.

נעכטן האט מען געקענט זען כוס של ברכה אויפ'ן טעלעווישען אין חצר, פונקט ווי מען זעט צבאות ה' ראליס וכיו"ב. דאכט זיך מיר אז מען האט דאס אנגעהויבן נאכדעם ווי דו ביסט שוין אוועקגעפארן.

נעכטן באנאכט בשעת דער פארברייננגען ווען מען האט געזונגען ניע דזשוריטצי כלאפצי, איז דער רבי געווען זייער ערנסט.

פרייטיק צונאכטס האט מען געזונגען ניגונים פון אלע נשיאים, און פאר'ן רבי'ן האט יואל אנגעהויבן שאמיל.

איך האב דא ניט געהערט פון קיין ענטפער צו נ. סודאק (ווי איך האב דיר שוין געשריבן אין פריערדיקן בריוו), איז ביטע שרייב מיר וואס דו האסט געהערט.

מארגן דארף זיין יחידות פאר די גבירים, איך האב געהערט אז עס דארף זיין לערך 100 גבירים.

י. קרינסקי האט ארייננעשריבן צום רבי'ן אז די גבירים ווילן א דו"ח וואו די געלט וועט גיין, האט דער רבי געענטפערט אז עס קומט זיי און מארגן בא דער יחידות וועט דער רבי געבן א דו"ח.

פרייטיק צונאכטס בא דער פארברייינגען האט דער רבי געזאגט עפעס וואס איך בין זיכער אז דאס וועט דיר דערנעמן, ובמילא שרייב איך דיר:

דער רבי האט געזאגט אז א מלך בא הקהל איז כפּי הגבורה, ועד"ז **<u>ויותר מזה</u>** בשעת א נשיא חזר'ט א מאמר . .

בברכת גמח"ט

דידן נצח

נ.ב. איך האב היינט געפונען די הנחה פון ח"י אלול אין מיין צימער, ובמילא ע"פ פשטות האב איך דאס ניט געשיקט צו דיר, שיק איך דיר דאס יעצט.

*

## טז

**אור לעיוכ"פ ה' ברכה שנת ה' תהא שנת חירות (ע"י) משיח (עיין בפתח דבר להמאמר ד"ה שיר המעלות)**

טייערער ירחמיאל . .

נעכטן באנאכט איז פארגעקומען א סיום המשניות מיט א סעודת מצוה, לכבוד דעם וואס בחורים פון זאל האבן געענדיקט משניות לע"נ דעם רבי'נס מאמע.

היינט נאך מנחה האט דער רבי אנגעהויבן טיילן לעקאך ביז מעריב, דהיינו 7:15. און נאך מעריב האט דער רבי ווייטער געטיילט און טיילט נאך יעצט (דהיינו 8:15).

איך האב בשאלאסן צו שיקן דיר דעם אלגעמיינער, מצד עטליכע סבות:

(1) איך האב דיר ניט געקענט קריגן א קאפיע פון בריוו לכבוד ו' תשרי, און עס איז דא אין אלגעמיינער.


וא"ו תשרי תשמ"ח

(2) עס איז דארט דא אן ארטיקל וועגן י.י. גוטניק.

(3) שמחה עלבערג האט גערעדט פאר דעם וואס דער רבי האט גערעדט בנוגע דעם טרעפן זיך מיט דעם פויפסט, און דער רבי האט געזאגט שמחה אז ער זאל בלייבן פאר די נעקסטע שיחה, וויבאלד אז דאס וועט אים זיין נוגע. און איך האב געהערט אז ש. עלבערג האט געזאגט דעם רבי'ן נאך די שיחה אז ער וועט ארייגשטעלן א מחאה אין צייטונגען, האב איך געמיינט אז אין אלגעמיינער אויך, בפועל האט ער אבער גארנישט ארייגעשטעלט . .

בברכת גמח"ט

דידן נצח

*

**יז**

**א' ברכה למחרת יום הכפורים הנק' בשם השם**

טייערער ירחמיאל שי' . .

לעצטן מאנטיק נאך קריאה איז פארגעקומען די יחידות פאר די גבירים (100 גבירים).

איינער פון די גבירים האט געזאגט דעם רבי'ן: You should continue in your holy work.

האט אים דער רבי געזאגט: I don't want to continue, I want to go from strength to strength.

עיו"כ נאך שחרית האט דער רבי געווארט מען זאל אויסרופן ווען וועט זיין מנחה, און עס איז ניט געווען קיינע גבאים אין שול, האט בנימין קליין מכריז געווען.

די ברכה צו די תמימים האט זיך אנגעפאנגען 6:20, ביז 6:32 לערך. איך האב ב"ה געהאט

זייער א גוטן ארט, כאטש אז איך בין געווען געפערלעך צעקוועטשט, אבער כמובן האט זיך עס געלוינט. (דרך אגב איך וועל דעיר אי"ה שיקן א טייפ פון יידע ברכות).

די ברכה האט זיך געענדיקט א 5 מינוט פאר די שקיעה.

דער רש"ג איז נאר אראפגעקומען צו נעילה. דער עולם האט געמיינט אז דעם שמח"ת וועט זיין גילוים וויבאלד אז רש"ג קומט ניט אראפ, אבער היות אז ער איז נעכטן אראפגעקומען צו נעילה וועט ער ע"פ פשטות אויך קומען צו הקפות, וואס קען מען טאן.

דער רבי האט נאך די שטיל שמו"ע צוגערופן לייבל גראנער, און אים געבעטן אז דר. פעלדמאן זאל זיין לעבן רש"ג דורכ'ן דאוונען, וכך הוי.

מען האט זיך געריכט אז מען וועט זינגען אבינו מלכנו אסאך מאל, היות אז א גאנצן שבת האט מען ניט געזאגט אבינו מלכנו. אבער בפועל האט מען נאר געזונגען איין מאל.

דער רבי האט אנגעהויבן דעם מארש מיט'ן פנים צו מזרח, דערנאך האט זיך דער רבי אויסגעדרייט און געפאטשט מיט די הענט, דערנאך האט דער רבי איבערגעדעקט דעם פנים מיט'ן טלית און דערנאך אפגעדעקט. עס איז פשוט געווען מורא'דיק, דער רבי איז אבער געווען זייער ערענסט די גאנצע צייט . .

גמר **חתימה <u>טובה</u>**

דהיינו דידן נצח

*

**יח**

**ג' ברכה**

בא לעקאך איז איינער פון ש. קונין'ס מקושרים צוגעגאנען צום רבי'ן, און געזאגט דעם רבי'ן אז שלמה וועט ניט קענען זיין אויף לכתחילה אריבער (י"ג תשרי), וויבאלד אז ער דארף בלייבן פארן משפט פון די צוואה. האט אים דער רבי געזאגט אז שלמה ווייסט וואס איז לכתחילה אריבער, און דער רבי האט אים געגעבן א גאנצע ברכה אז זיכער וועט ער מנצח זיין . .

איך האב געהערט אז ח"ד אגרות דארף מארגן אנקומען צו קה"ת, טאמער יע וועל איך דיר בל"נ קויפן איינע.

נעכטן בא דער פארברייינגען [אור לי"ג תשרי] בשעת מען האט געזונגען לכתחילה אריבער, און דער רבי האט געשאקלט מיט'ן קאפ אז מען זאל איבערזינגען 10 מאל, האט דער רבי בשעת מעשה אויך געענטפערט לחיים צום עולם, עס איז געווען גאנץ שיין.

וועגן דידן נצח איז דערוויילע ניטא קיין נייעס, מיר האבן נעכטן גערעדט מיט שלום און ער האט געזאגט אז ער האט אויך ניט געהערט קיין נייעס.

א. מאנגעל איז היינט געווארן א שליח אין דזשערסי סיטי.

*

## יט

**ב' לס' וישת מן היין וישכר כ"ו תשרי**

טייערער ירחמיאל שי'

. . און געלאפן כאפן א ארט צו הקפות, איך בין געשטאנען לערך וואו דו מיט ... זיינען געשטאנען לעצטן יאר צו הקפות. איך האב געזען זייער גוט סיי דעם רבי'נס הקפות סיי די אנדערע הקפות.

שמע"צ האט מען אראפגעבראכט רש"ג אין א ביינקל פאר הקפות . . נאכ'ן דריטן הקפה האט דער רבי געזאגט אז מסתמא איז אים קאלט, זאל ער אהיים גיין.

און דער רבי האט געטאנצט די הקפות אליין.

עס איז בכלל ניטא קיינע ווערטער צו מתאר זיין די הקפות, זינט תש"י איז ניט געווען אזעלכע הקפות, אזוי זאגט יודל קרינסקי.

ד"ר ווייס האט געזאגט שהחיינו נאך הקפות, לייבל גראנער ב. קליין יודל קרינסקי זיינען געווען גוט שיכור, און בכלל האט זיך די לופט געהויבן . .

תהלוכה בין איך געגאנגען צו איסט פלאטבוש, לערך א שעה גיין, צוריקגעקומען ... פארברייינגען, דער פארברייינגען איז געווען ביז [...]. [...] איז דער רבי אריין צו הקפות,

עס איז געווען ...

שמח"ת אינדערפרי איז דער רבי אריין ... און איז געווען זייער לעבעדיק. י. דוכמאן האט אנגעהויבן בא הקפות דעם נגון "הרבי שליט"א אין כמוך בעולם", דער רבי האט געמאכט זייער פריילאך בא דעם נגון.

דער רבי האט אסאך מאל געהייסן ד"ר ווייס זאגן לחיים.

די ערשטע פארברייינגען פרייטיק צונאכטס האט זיך אנגעפאנגען 5:45, ביז 8 לערך.

שבת נאכמיטאג האט זיך די ערשטע פארברייינגען געענדיקט 4:00 לערך, און די צווייטע האט זיך אנגעפאנגען 6 ביז 9 לערך.



*מוצאי שבת בראשית תשמ"ח*

דערנאך האט דער רבי געטיילט כוס של ברכה פון 9:30 ביז 2:30, **<u>5 שעה</u>**.

בכלל בא די נגונים האט דער רבי כמעט ווי ניט געמאכט מיט'ן האנט, חוץ בא די רוסישע נגונים, און ווען מען האט געזונגען "הרבי שליט"א אין כמוך", יעמאלט איז געווען גאר לעבעדיק.

דער רבי האט בכלל געטיילט אסאך בוטלאך משקה בא כוס של ברכה.

נעכטן האט דער רבי געטיילט דאלארן איבער 3 שעה.

געפארן צום אוהל 4:15, און צוריקגעקומען 7:30.

ווען דער רבי איז אריין צו מנחה, און די זעלבע זאך היינט ווען ער איז אראפ צו קריאה, האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צום עולם נאכדעם ווי ער איז שוין געווען אויף זיין ארט און האט געמאכט לעבעדיק.

בכלל זאגט מען אז דידן נצח קומט אט ארויס די טעג.

דער רבי האט לעצטענס געענטפערט וועד הקהל – איך ווייס ניט בנוגע וואס – אז דער עיקר שמחה פון שמח"ת הויבט זיך ערשט אן נאך שמח"ת, און דערפאר זאגט מען אז דידן נצח וועט זיין די טעג . .

נעכטן איז הרב מענטליק אוועק, דער רבי איז **ניט** ארויס צו זיין לוי' . .

א גוט יאר און א גוטן תמיד

בברכת דידן נצח

נ.ב. מען האט דעם יאר געמאכט דעם רבי'נס בימה אנדערהאלבן פוס העכער ווי אלעמאל.

*

## כ

**אור לד' לך לך ה' מר-חשון**

טייערער ירחמיאל שי' . .

היות אז איך ווייס ניט דעם ענטפער צו סודאק איז ביטע שרייב דאס צו מיר . .

וועגן דעם דידן-נצח האב איך גארניט געהערט, לאמיר נאר האפן אז עס זאל טאקע זיין בקרוב ממש.

דידן נצח

. . לאמיר נאר האפן אז אסאך איידער דו קומסט צוריק זאלן די ספרים זיין צוריק אין לייברערי. אמן וכן יהי רצון.

לעצטן מיטוואך איז א פליין פון אל-על אפגעפארן פון נ.י., און ווי נאר עס איז ארויף אין דער לופטן האט זיך א "ענדזשין" געפלאצט, און דער פליין וואס איז געווען פול מיט אנ"ש האט געמוזט צוריקפארן און בלייבן ביז נאך שבת.

ט. בלוי האט אריינגעשריבן די מעשה צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געענטפערט "מלכתחילה מאי קסבר". טייטשט מען אז דער רבי האט ע"פ פשטות געמיינט אז מען וואלט געדארפט בלייבן ביז נאך ז' חשון, ווי דער רבי האט לעצטן יאר דערמאנט.

די צוויי קליינע בית-חיינו'ס וואס איך שיק דיר האט ... געשריבן, זיי זיינען פול מיט שקרים, ער פירט א קאמפעטישען מיט דער בית-חיינו וואס די קבוצה גיט ארויס.

*

### כא

**אור לב' וירא י' חשון**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דעם רבי'נס בימה איז נאר געווען אויפגעהויבן שמח"ת . .

ווער איז געווען דער פון סידני וואס האט נעכטן גענומען א בוטל בא דער פארברייינגען? . .

מסתמא וועסטו הערן פון מ. סעראבראנסקי וועגן נעכטיקן מורא'דיגע פארברייינגען.

הכותב וחותם בברכת דידן נצח

*

### כב

**ב' לך-לך**

נעכטן האבן די שלוחי קודש צו תורת אמת אפגעווארט דעם רבי'ן בשעת דער רבי איז ארויס צום קאר צו פארן צום אוהל, און דער רבי האט זיי געזאגט "פארט געזונטערהייט, מען זאל הערן בשורות טובות, הצלחה רבה".

מאדכע האט אין לופט פארט געגעבן א ספיטש בנוגע הקהל . .

*

### כג

**ה' לך ו' חשון**

טייערער ירחמיאל שי' . .

פאר מנחה-מעריב ווען דער רבי קומט אראפ אונטן אין שול זינט סוכות, לייגט ער אוועק דעם סידור אויפן עמוד, דרייט זיך אויס צום עולם, און פאטשט מורא'דיק מיט די הענט.

ה. ראסקין האט מיר געזאגט אז נעכטן פאר מעריב איז דער רבי'ס פנים געווען גאנץ

ערנסט בשעת דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צום עולם.

טייטשן אנדערע אז עס קען זיין אז דאס איז פשוט המתקת הגבורות. נעכטן איז דאך געווען 2 לויות פון אידן אין דער שכונה, מענטליק איז ערשט אוועק . .

הכו"ח בברכת דידן-נצח

*

**כד**

**ליל שישי עש"ק פ' וירא אור לי"ד חשון שלשים יום לפני החג**

טייערער ירחמיאל שי' . .

איך האב געהערט נעכטן אז וועד להפצת שיחות האט אריינגעשריבן צום רבי'ן אז לקו"ש כ"ו כ"ז כ"ח כ"ט איז גרייט צום דרוק, האט דער רבי געפרעגט צי מען האט שוין געלערנט די פריערדיקע לקו"ש.

נעכטן באנאכט האט אונזער שיעור געהאט א הקהל פארברייינגען, 52 חברה פון 57 זיינען דארט געווען, מיר האבן געהאט אפיציעלע רשות פון פיניע. מיר האבן אנגעהויבן עלף אזייגער און געענדיקט לערך 3 . .

בברכת דידן נצח

*

**כה**

**מוצש"ק פ' וירא ט"ו חשון יומא דקיימא סיהרא באשלמותא**

טייערער ירחמיאל שי'

היינט 9:15 אינדערפרי האט דער רבי געלאזט וויסן וועלכע רש"י ער וועט רעדן, די וואך איז די רש"י געווען פון די מאריסטאון הערות. האט מען שוין אינדערפרי געוואוסט אז עס וועט זיין א פארברייינגען.

די פארברייינגען האט זיך געענדיקט 4:30.

דער רבי האט די ערשטע שיחה זייער געמאנט שמחה, און צום סוף שיחה האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און געטאנצט.

צווישן איינע פון די שיחות האט מען געזונגען דידן נצח, איז געווען א קינד וואס האט געפאטשט, האט דער רבי מיט א ברייטן שמייכל מיט געפאטשט.

... איז געפארן מיט זיין גאנצע משפחה (חוץ ...) צו ... צו זיין שוואגער, און ער האט געמאכט א "בֶּעט" מיט זיין זון יוסף פאר $100 אז עס וועט ניט זיין קיין פארברייניגען, האט ער פארלוירן $100.

פרייטיק אינדערפרי האט דער רבי מגי' געווען א מאמר פאר כ' חשון, דער מאמר איז פון תשמ"א . .

איך האב בכלל אפגעמאכט בא זיך אז כאטש לעצטן יאר בין איך ניט געגאנגען מוצש"ק אויף מבצעים, אבער היות אז דעם יאר מאנט דער רבי טאן אין הקהל, האב איך יע געוואלט גיין אויף מבצעים. מנחם שאחאט פירט אן דעם יאר . .

נעכטן באנאכט זיינען געווען 8 שלום-זכר'ס, דער שבת נאך דידן נצח איז נאר געווען 7, מען זאגט אז עס איז שוין א שיינע פאר יאר וואס עס איז ניט געווען אזויפיל שלום זכר'ס . .

נפתלי פערלשטיין קומט צו פארן מארגן מיט א פרייע חברה'מאן צו נעמן דאלארן באם רבי'ן.

... איז אפיציעל געווארן דער מנהל אין ..., און ... האט אפיציעל איבערגענומען ...; בשעת ... האט איבערגענומען ... האט ער אויך געוואלט איבערנעמען דאס וואס ... פלעגט מאכן באסעס צום רבי'ן, און ... האט מצד איזה סבה שתהי' דאס ניט געוואלט אוועקגעבן, האט ... געהאט א דין-תורה מיט ..., און ... האט געוואונען . .

בברכת דידן נצח

*

**כו**

**ה' חיי שרה יום הבהיר כ' חשון**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דעם זונטיק איז דא אוועק א פרוי מיט'ן נאמען מרת אוחנה . . זי האט געלעבט אויף מאנטגאמרי צווישן ברוקלין און נ.י., זי איז שוין (לכל הפחות) די דריטע וואס איז לעצטענס נפטר געווארן אויף איר בלאק (רייצעס, פעווזנער, אוחנה).

הרב אזדאבא וואוינט אויך אויף יענעם בלאק, האט ער אריינגעשריבן צום רבי'ן בעטן א ברכה און א עצה, האט דער רבי געענטפערט אז מען זאל בודק זיין די תפילין וכו' וכו', איך ווייס ניט גענוי דעם לשון, איך וועל זען צו אויסגעפינען.

דרך אגב איך ווארט נאך פאר דעם ענטפער צו נ. סודאק וואס דו האסט מיר נאך ניט געשריבן.

נעכטן נאך מנחה האט דער רבי געטיילט דאלארן, און האט אנגעוואונטשן די אלע וואס זיינען געגאנגען נעמן דאלארן "א הצלחה'דיקן כ' חשון".

היינט נאך קריאה האט דער רבי ווייטער געטיילט דאלארן . .

2:30 נעכטן באנאכט האב איך אויסגעפונען אז ר' שלמה מאיעווסקי (מאדזשעסקי) פארבריינגט אין 770. פאר די לעצטע פינף יאר האט ער שוין ניט פארבראכט פאר בחורים. ער האט פארבראכט זייער שיין ביז **5 אזייגער**. ער איז דער פרינציפאל פון מכון חנה, ער האט היינט געדארפט האבן א שיעור 8 אזייגער **אינדערפרי**. ער האט ממש גערעדט פערל ווערטער.

ער איז געווען פון די ערשטע קבוצה צו מעלבורן אויסטראליע. ער האט געוואלט פארן אויף שליחות אלץ יונגערמאן, און דער רבי האט אים געזאגט אז זיין שליחות איז מכון חנה.

ער האט זייער אסאך גערעדט נעכטן די מעלה פון בחורים, וויבאלד אז זיי געפינען זיך בפו"מ אין גן-עדן. מען האט געזען אז ער האלט בא וואס ער רעדט. צו דעם איז ער א גרויסער בעל מנגן.

דא אין ישיבה קאכט זיך עפעס לעצטענס זייער בנוגע די שליחות צו באסטאן, עס דארף ארויסקומען בעתיד הקרוב . .

בברכת הצלחה בכל עניני כ' חשון, הקהל, וכו' וכו' והעיקר שיהי' דידן נצח

*

**כז**

**אור לו' תולדות כ"ז מר-חשון**

טייערער ירחמיאל שי' . .

איך האב געהערט אז דו האסט שוין אויסגעפונען וועגן מיין שיכור'ן, מסתמא ווייסטו מערער ווי איך ווייס וואס איז געשען צו מיר . . ב"ה נעכטן באנאכט האב איך ווייטער גענומען א היבש ביסל משקה . .

די רבנים האבן ארויסגעגעבן א פסק אז די טעג זיינען ימי ששון ושמחה, און אויך אז מען זאל ניט טרינקען מערער ווי דער שיעור.

דינסטיק [יום הבהיר כ"ה מרחשון תשמ"ח] האבן די רבנים גע'פסק'נט אז מען זאל ניט זאגן קיין תחנון. בפועל נאך מנחה בשעת דער חזן האט איבערגעהיפט תחנון, האט דער רבי געפרעגט פארוואס, און דער רבי האט יא געזאגט תחנון (מפי השמועה).

נעכטן איז ארויס פון רבי'ן מוגה דער מאמר פון ושבתי בשלום וואס דער רבי האט געזאגט [נאך] ר"ח כסלו תשל"ח, דער מאמר האט געדויערט אנדערהאלבן שעה, איך האב געהערט אז דער מאמר איז 20 זייטלאך.

גלייך ווען איך האב געהערט וועגן דידן נצח האב איך דיר אפגערופן, און דער טלפון בא דיר איז געווען [...]

*

**כח**

**אור לד' לסדר וישב**

טייערער ירחמיאל שי'

איך האף אז דו האסט שוין געשריבן כאטש איין בריוו צו מיר זינט דו ביסט אנגעקומען [בחזרה מהביקור בחצרות קדשנו לרגל הדידן נצח].

ווי האט זיך בא דיר פארבראכט ט, י, י"ג, י"ד כסלו? . .

דער רבי האט לעצטן מיטוואך באנאכט מגי' געווען דעם דרך אמונה, און עס וועט זיך בעזה"י אפדרוקן אין די נעקסטע פאר טעג . .

## כט

**אור לב' דבתר שבתא דפ' וישב כ"ב כסלו (ראה בשיחת ש"פ וישב)**

טייערער ירחמיאל שי' . .

נ. סודאק'ס ענטפער האב איך נאך ניט געקראגן פון דיר . .

דער רבי איז לעצטענס זייער פארקילט.

נעכטן האט זיך דער פארברייינגען געענדיקט 5.20. עס איז געווען זייער אינטערסאנט ווי דו וועסט זען אין די הנחה הבע"ל . .

*

## ל

**נר א' דחנוכה אור לד' מקץ**

טייערער ירחמיאל שי'



חנוכה תשמ"ח

מסתמא האסטו זוכה געווען הערן די מורא'דיקע שיחה נאך מעריב, און מסתמא האסטו אויך געהערט די נעכטיקע יחידות, עס איז אויך געווען זייער אינטערסאנט . .

היינט בין איך געגאנגען אויף מבצעים מיט ז. קונין אויף זיין מבצעים רוט, און מיר זיינען צוריקגעקומען אין מיטן מעריב נאך פאר די שיחה . .

*

## לא

**אור לב' ויחי ז' טבת יום אשר בשנה שעברה הי' יום הפני"ם**

טייערער ירחמיאל שי' . .

נעכטן בא דער פארברייינגען האט דער רבי געזאגט פלא'דיקע טיטולן אויף חג החגים ה' טבת, דער רבי האט געזאגט אז עס איז א עת רצון וכו' מיט נאך אסאך אנדערע טיטולן.

... איז דא געווען אויף שבת צוזאמען מיט ..., ער איז ב"ה געווען זייער צופרידן צו קענען זיין ה' טבת באם רבי'ן . .

דער רבי איז נעכטן געווען זייער אויפגעלייגט ב"ה, בא מנחה האט מען געזונגען עלינו און אל תירא, און די זעלבע בא מעריב, און דער רבי האט זייער געמאכט מיט די הענט . .

*

## לב

**ב' ויחי ז' טבת**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דעם שבת איז געווען זייער א פלא'דיקע פארברייינגען (כמוזכר אתמול).

מאנטרעאל האט געמאכט א הקהל צו 770, פאר קינדער (בעיקר) פון 9-13 יאר אלט, 400 קינדער זיינען געקומען אויף שבת פון פארשידענע מוסדות, ישיבה בית רבקה "Ecole Sepharade" פרי היברו וכו'.

דער הויסט איז געווען דער הקהל מענטש אין מאנטרעאל הרב קעסלער, און בכלל זיינען דארט געווען אסאך בחורים בעיקר פון אהלי-תורה אלץ מדריכים . .

פרייטיק זיינען די קינדער געפארן צום עמפייער סטייט בילדינג. מוצאי שבת זיינען זיי געפארן צו "סטאטשו ליבערטי". די אינגלאך מיט זייערע מדריכים זיינען געשלאפן אין "דזשואיש סענטער", די מיידלאך זיינען געשלאפן אין פריוואטע הייזער. עס איז ב"ה געווען זייער מסודר.

דער רבי האט ניט גערעדט וועגן די קינדער, אבער בשעת דער רבי איז אריין צום פארברייינגען האט דער רבי אויפגעהויבן דעם קאפ און "גע-waved" צו די קינדער, די קינדער זיינען געשטאנען אויף די פעראמידאס פאר די ערשטע שיחה.

מסתמא האסטו באמערקט אז דער מאמר מוגה וואס איז ארויס לכבוד ה' טבת איז ניט

ארויס אונטער קה"ת, דאס איז געווען דעם רבי'נס הוראה, דער רבי האט געשריבן אז דאס זאל ניט זיין אונטער קה"ת וויבאלד אז דאס איז געשריבן געווארן בסגנון מוזר, (איך וועל פרואוון קריגן דעם לשון) . .

... האט זיך ארויסגעזאגט צו מיר נאכ'ן פארברייינגען אז הלואי זאל ער קענען זיין בא יעדן פארברייינגען . .

*

## לג

**יום ה' י' טבת היום שיהפך לששון ולשמחה**

טייערער ירחמיאל שי' . .

מוצש"ק [יום הבהיר ה' טבת] איז אין 770 געווען גאר א גרויסע סעודה.

איך האב דארט ניט געוואלט בלייבן שפעט, וויבאלד אז דער רבי האט דאך גערעדט באם פארברייינגען אז דער אבן הבוחן פון דער דידן נצח איז לערנען (ועיין בהשיחה שהוגהה). אבער בפועל האב איך זיך געזעצט מיט מ. קליין און יונה פרוס אויף איין טיש פארברייינגען . .

ווי איז געווען בא דיר ה' טבת? . .

מסתמא ווייסטו אז דעם שבת **י"ב טבת** איז ניט געווען קיין פארברייינגען, דעם ערשטן שבת דעם יאר וואס עס איז ניט געווען קיין פארברייינגען.

*

## לד

**אור לה' לס' אהי' אשר אהי' י"ז טבת 7** PM

טייערער ירחמיאל

ווי איך נעם אן ווייסטו אז יצחק וואלאוויק, וו. אסטער, י.י. גארמאן זיינען נעכטן געווארן שלוחים צו מעלבורן, מז"ט! מז"ט! מז"ט! . .

די מודעה אויפ'ן הינטערשטן זייט אין לעצטע וואכיקן כפר חב"ד, אז די אלע וואס האבן ספרים זאלן דאס שיקן צום רבי'נס ספרי', האט דער רבי מגי' געווען (מפי השמועה) . .

ויה"ר שישובו כל הספרים בדרכי נועם ושלום

*

## לה

**א' לס' וארא אל האבות יום הסתלקות הרמב"ם ז"ל**

. . נעכטן האט דער רבי געפרעגט די רש"י'ס פון די הערות אין מאנטרעאל. איינע פון די שאלות וואס דער רבי האט געפרעגט איז געווען אברהמ'ל וואלאוויק'ס שאלה, די צווייטע יוסי לייבאוויטש, די דריטע שטיפל . .

נעכטן נאך דער פארברייינגען, בשעת מען האט געזונגען שיבנה ביהמ"ק האט זיך דער רבי מיטאמאל אויפגעשטעלט און געפאטשט, עס איז געווען א פראכט.

דער פארברייינגען האט זיך געענדיקט לערך 5.

היינט זיינען ש. קונין, בערל לוין, און ניסן מינדעל געפארן צו רוסלאנד צו אפנעמען די ספרי' פון רבי'ן רש"ב וואס איז געבליבן אין רוסלאנד.

נעכטן בא דער פארברייינגען האט דער רבי גערעדט א גאנצע **<u>אריכות</u>** וועגן שלוחים וואס גייען אויף פדיון שבויים דהיינו חפיצים און ספרים אז זיי האבן כח המשלח, ואכמ"ל.

און נאך די שיחה האט דער רבי געהייסן בערל לוין און ש. קונין זאגן לחיים אויף א גרויסע כוס.

היינט זיינען זיי אריין אויף יחידות.

דער רבי האט אויך דערמאנט בא די שיחה וועגן מוסיף זיין אין תהלים און צדקה פאר דעם ענין.

איך האב געהערט אז גוטניק דער ראש ישיבה האט געבעטען דעם רבי'ן מחילה פאר דעם וואס ער האט געלאזן די בחורים פארן צו דידן נצח, און דער רבי האט אים געענטפערט "מחול לך". (ביטע לאז מיר וויסן אויב די מעשה איז אמת) . .

די שלוחים צו באסטאן פארן דעם דינסטיק. מסתמא וועלן זיי פארן פון 770 דער מקור

מיט א וואן . .

ויה"ר שיוחזרו החפיצים

נ.ב. **ב' וארא**

איך האב היינט געהערט אז די 3 וואס זיינען געפארן נעכטן צו רוסלאנד זיינען געווען 3 מאל אויף יחידות, מוצש"ק, נעכטן פאר'ן אוהל, און נאכ'ן אוהל.

*

## לו

**אור לד' וארא אל האבות כ"ג טבת**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דער דרך אמונה האט מען אפגעדרוקט, אבער אן דעם רבי'נס הערות, מען האט גענומען דעם ספר כמות שהוא און מען האט דאס אפגעדרוקט, דערנאך האט דער רבי מגי' געווען דעם ספר און צוגעשריבן הערות, און דער ספר דארף באלד ארויסקומען.

דער אגרות ח"ה האלט מען אין מיט'ן דרוקן, און עס קען זיין אז אנהויב נעקסטע וואך וועט זיך דאס פארקויפן . .

דער רבי האט געגעבן די 3 וואס זיינען זונטיק געפארן קיין רוסלאנד דער מוגה'דיקער מאמר לכבוד כ"ד טבת.

ווען דו לייענסט דעם בית חיינו מאך זיכער ניט צו פארפעלן דעם "מכתב מחסיד לחסיד".

היינט נאך מנחה ווען דער רבי איז ארויס פון קליינעם זאל האט דער רבי געזאגט די שלוחים צו באסטאן בזה"ל (איך האב דאס אליין געהערט, וויבאלד אז די שלוחים זיינען געפארן נאך מנחה פון בית חיינו, בין איך געווען בא 770 זיך צו געזעגענען מיט זיי) "פארט געזונטערהייט, מען זאל הערן בשו"ט, זאל זיין בהצלחה רבה ומופלגה", עכ"ל.

איך האף צו קריגן פאר דיר א הזמנה צו צירקינד'ס חתונה וואס קומט פאר אין בית-חיינו . .

*

## לז

**אור לב' פ' בא כ"ח טבת**

טייערער ירחמיאל שי' . .

דער ענטפער פון נ. סודאק האב איך געקראגן פון דיר מיט א לאנגע צייט צוריק, איך האב פשוט ניט געוואוסט אז דאס איז געווען צו נ. סודאק . .

איך האב היינט געקראגן אגרות **ח"ה**, וואס אנטהאלט אין זיך די בריוו פון ווינטער תשי"ב. דער ספר האט שנ"ב עמודים, פון איגרות נאמבער א'רכ"ב ביז א'תקכ"ח.

אין מבוא זאגט ער אז דער תוכן פון די בריוו איז וועגן די 4 מוסדות וואס דער רבי האט מייסד געווען יענעם יאר: (1) צא"ח באה"ק, (2) אגודת נשי ובנות חב"ד באה"ק, (3-4) רשת אהלי יוסף יצחק באה"ק ובאויסטראליא.

איך האף צו שיקן דעם ספר בא דער ערשטער געלעגנהייט וואס איך וועל האבן, טאמער אימיצער קומט אן אויף י' שבט וכיו"ב פון סידני ביטע לאז מיר וויסן.

היינט בא דער סיום איז עפעס ניט געווען צו גרויסער עולם, אבער עס איז בכללות געווען גאנץ שיין. גוטניק פון מעלבורן האט אוועקגעלייגט א שיינע דרשה . .

נעכטן בא דער פארברייינגען האט ר"ז גוראריי' געבעטן א ברכה פאר ר' העשיל צייטלין.

מען האט אים צוגעגעבן א נאמען ברוך. מען האט אריינגעשיקט אפאר נעמען צום רבי'ן, און דער רבי האט אונטערגעשטראכן אונטער ברוך.

מאנטרעאל האט אויך אריינגעשיקט א פ"נ כללי פאר ר' העשיל, און גאנץ אנ"ש פון מאנטרעאל, בחורים און בעלי בתים, האבן גע'חתמ'עט אויף דעם. איך ווייס ניט צי דער רבי האט געענטפערט אויף דעם.

דער רבי איז היינט צוריקגעקומען פון אוהל 6:45.

זושא זילבערשטיין און שלום שריקי האבן אריינגעבראכט חברה פאר א שבתון. דער רבי האט זייער געפאטשט צו זיי, דער רבי האט זיי געהייסן זאגן לחיים. און בכלל איז דער רבי געווען זייער פריילאך בא דער פארברייינגען.

די ערשטע שיחה האט געדויערט ביז 3:15, די צווייטע ביז 4:00. די פארברייינגען האט זיך געענדיקט לערך 5:15 . .

הכו"ח למען כבוד לומדי הרמב"ם

בברכת דידן נצח

נ.ב. איך האב ניט געהערט קיין נייעס וועגן די דריי וואס זיינען געפארן אפנעמען די ספרי' . .

היינט 5:20 PM איז אנגעקומען א שמועה אין ישיבה אז נאך מעריב וועט זיין א שיחה. פארשטייט זיך מיר זיינען אלע געלופן צו 770, י.י. ראפאפארט האט גערופן די שלוחים פון באסטאן און זיי געלאזט וויסן וועגן די שיחה. בפועל בשעת מיר זיינען אנגעקומען צו 770 האבן מיר אויסגעפונען אז עס איז ניטא קיין שיחה.

מען האט פאר שבת אריינגעשריבן צום רבי'ן אז מען זאגט דעם יום השבועי אין תהילים פאר דעם דידן-נצח **בשלימותו**, האט דער רבי געענטפערט (איך וויס ניט גענוי דעם ענטפער) לפעולה נמשכת וכו' אעה"צ.

די וואך איז נישט ארויס קיין בית חיינו.

דער רבי האט די וואך מגי' געווען דעם תוכן קצר . .

מען האט געמאכט 30 טויזענט בראשורס און 10 טויזענט "וועלספרינגס" וועגן פורים, און עס האט זיך דארט דערמאנט "האלאווין", און מען האט דאס אריינגעשיקט צום רבי'ן. האט דער רבי געענטפערט "רחמנא ליצלן, להשמיד", און עס איז געווען נאך א פאר ווערטער צום ענטפער . .

הכ"ד הדו"ש מלונ"ח תכה"י

והמחכה לההתגלות לכבוד ל"ח שנה לנשיאות

*

## לח

**אור לועש"ק פ' בשלח העשירי יהי' קדש 12:45** AM

טייערער ירחמיאל שי' . .

אגרות ח"ה האב איך פאר דיר און איך וועל דאס פרואוון שיקן וואס פריער . .

בברכת מלכותו **ברצון** קבלו עליהם

הדו"ש התורה **ולומדי'**

*

## לט

**אור לב' יתרו י"ג שבט**

טייערער ירחמיאל שי' . .

איך האב געהערט אז שלמה קונין האט אלץ ערליידיגט מאחורי המסך, די איינציגע זאך וואס איז יעצט געבליבן איז צו איבערשיקן די ספרים פון דארט. ניסן מינדעל איז שוין צוריק געקומען לעצטע וואך.

נעכטן האט זיך דער פארבריינעגן געענדיקט לערך 5 אזייגער.

דער רבי האט געהייסן דר. ווייס זאגן לחיים אויף א גרויסן כוס.

ל. גראנער האט געלאזן וויסן אז דער רבי וועט פארבריינגען דינסטיק באנאכט לכבוד ט"ו בשבט.

בכלל האט דער רבי געמאנט מען זאל מאכן פארבריינגענישן אין יעדער פלאץ לכבוד ט"ו בשבט, אדער ט"ו בשבט אדער נאך דעם, אבער אין א אופן המתאים וברוב עם . .

*

## מ

**כ"ו שבט יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה**

טייערער ירחמיאל שי'

דו וועסט מיר מוזן מוחל זיין פאר דעם וואס איך האב דיר לעצטן וואך ניט געשריבן, איך האב פשוט ניט געהאט קיין געלעגענהייט, ובפרט אז איך שרייב וועגן אלץ וואס טוט זיך די טעג באם רבי'ן (וואס דערווייל האלט די רשימה בא צוועלף זייטן, און איך וועל דאס מסתמא איבערשיקן מיט מיכאל שריקי), וואס איך בין זיכער אז דאס וועט דיר

זייער אינטערעסירן (איך האב אויך אלע צייטונגען וואס האבן וועגן די מאורע) . .

הדו"ש מלונ"ח תכה"י

והמחכה לשמוע רק טוב

*

**מא**

**אור לד' ויק"פ כ' אדר**

טייערער ירחמיאל שי'

דיין בריוו מיטן דאנק פאר די סחורה האב איך ערהאלטן, און ווי מען זאגט "אַיי אַפּרִישִיאֵייט די אפרישיאיישאן". ויה"ר אז מען זאל צו דעם גאנצן ענין ניט דארפן אנקומען און מען זאל יוצא זיין מיט'ן ונפשי כעפר לכל תהי' . .

ויה"ר שנזכה לקיום שימחה ה' דמעה מעל כל פנים

נ.ב.



. . **ה' ויק"פ**. היינט איז דער רבי געפאָרן צום אוהל, און צוריקגעקומען לערך 7:00.

מנחה-ומעריב (דער רבי האט געדאווענט מעריב פאר'ן עמוד). נאך מעריב איז געווען א שיחה פאר 40 מינוט.

דער רבי האט דערמאנט אין די שיחה דער קשר פון שבת מברכים מיט ר"ח ניסן, ובמילא איז שוין דא ספיקות אויב עס וועט זיין א פארברייינגען . .

נעקסטע וואך דארף ארויסקומען פון

לה"ק א הנחה פון אלע וואס זיינען געקומען מנחם אבל זיין, עס דארף קאסטן $5.

היינט איז ארויס א מאמר מוגה פון רבי'ן מיט'ן כותרת "קונטרס כ"א אדר".

לערך 5:00 איז פארגעקומען דער סיום ס"ת, עס איז דארט געווען כלי זמר (פיאמענטא, ליפסקער).

דער כפר חב"ד קאסט די וואך $3, עס איז דא א ספעציעלע הוספה פאר די שלושים, און אויך באזונדער א ספעציעלע וועגן דעם וואס קינדער האבן געלערנט גאנץ ספר המצוות בעל פה.

מארגן דארפן ארויסקומען **3** נייע ספרים: תולדות חב"ד בארצה"ב, אג"ק ח"ו, לקו"ש חכ"ו.

לזכות

החתן הרב התמים **משה אהרן** שי'

והכלה מ' **חי'** תי'

**ניומאן**

לרגל נישואיהם בשטומו"צ

כ"ה סיון ה'תשפ"ד